דבּ סדן

# צווישן הומאָר און אוטאָפּיע

## צוויי פּרקים שלום עליכם

### פּרק איינס: הומאָר

אמר המחבר: דער מאמר, וואָס איך ברענג איצט, איז, בעצם, אַ לעקציע, וואָס איך האָב געהאַלטן פאַר אַן עולם יידן אין פּאַריז, און וואָס איך האָב אים אָנגעהויבן מיט אַ דאַנק מיינע צוויי ליבע פריינט, וועלכע האָבן מיך באַגריסט, ר' ישראל נייגעבאַר און ר' משה וואַלדמאַן, און מיט אַ קליינעם, אָבער נויטיקן, תיקון־טעות. דער נאָמען און ענין פון מיין לעקציע איז געווען: שלום עליכם צווישן הומאָר און אוטאָפּיע, בשעת אין די פּרעסע־מודעות און פאַרבעט־צעטלען האָט עס געהייסן: מנחם מענדל אין דער ישראלדיקער רעאַליטעט, און עס איז, דוכט זיך אַ נפקא־מינה צווישן די צוויי טיטלען, און דער עיקר חילוק באַשטייט דאַרינען, וואָס דער צווייטער טיטל איז לגבי דעם ערשטן טיטל, ווי אַ פּרט לגבי אַ כלל. כדי אויפצוקלערן ווי אַרום איך האָב מיך דערוועגט אַנידערצושטעלן שלום עליכם צווישן הומאָר און אוטאָפּיע, וויל איך דערציילן ווי אַזוי איך בין דערצו געקומען.

א

אַז שלום עליכם באַוועגט זיך צווישן צוויי קאַנטראַרע, סתירותדיקע עלעמענטן, און וואַקלט זיך צומאָל, ווי עס וואַקלען זיך וואָג־שאָלן, און אַנטשיידט זיך, לייגנדיק זיין עיקר־געוויכט אויף איין שאָל, און לאָזנדיק די אַנדערע שאָל כמעט פאַרשווינדן, איז אַ קיימא־לן ביי רוב קריטיקער, בעיקר די, וואָס אַפּערירן מיטן קעגן־פּאָרל: סאַטירע און הומאָר, און לאָזן שלום עליכמס הומאָר גובר זיי זיין סאַטירע, פּונקט ווי זיי לאָזן מענדעלעס סאַטירע גובר זיין זיין הומאָר, אַזוי־ווייט, אַז מען האָט כמעט פאַרגעסן, אַז מענדעלע איז סיי געווען סיי באַטראַכט געוואָרן ווי אַ הומאָריסט, און איך וועל איצט, ברשותכם, דערמאָנען צוויי, אין זייער צייט אויטאָריטאַטיווע עדות. ערשטנס, יואל ענטין — אין זיין ביכל "די זיילן פון דער נייער אידישער ליטעראַטור, ביין לעקציעס וועגן מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און י. ל. פּרץ" (ניו־יאָרק, 1923), רעדט ער אפילו פון עטלעכע סאָרטן הומאָר ביי מענדעלע און שיידט אָפּ עטלעכע מדרגות זיינע, דערונטער וואָס ער האַלט פאַר מענדעלעס העכסטן הומאָר, וואָס איז, ווי עכטער און העכסטער הומאָר בכלל, אַ פּאַזע פון פּאָעזיע. צווייטנס, נאָך מיט זיבן יאָר פריער ראובן ברייַנין אין זיין עסיי וועגן הומאָר און סאַטירע ("התורן", 1916), באַצייכנט אַזוי דעם חילוק צווישן מענדעלע און שלום עליכם: "דער ערשטער, וואָס האָט אַריינגעפירט הומאָר אין אונדזער ליטעראַטור איז ש"י אַבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים). זיין הומאָר איז, ווי אַלע זאַכן וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן אין בין־השמשות פון אונדזער גלות, אַ געמיש פון כלערליי תחומים, און פאַרמאָגט סיי אַ פאַרמיש פון לשון און סיי אַ פאַרמיש פון גרענעצן. מענדעלעס הומאָר איז אין זיך כולל אויך אַ ביטערע און שאַרפע סאַטירע, אָבער איר ביטערקייט און שאַרפקייט ווערן פאַרזיסט און באַטעמט דורך צימלעכע געווירצן פון דער יידישער פּיקחות. דער דאָזיקער הומאָר פאַרמאָגט נישט יענע רואיקע פריילעכקייט, יענע יחסנישע אויפגערוימטקייט, וואָס דערווייטערט זיך פון גראָבן המון, אָבער דערפאַר שפּירט זיך אין איר אַ לעבנס־גייסט אין אַ גרויסער מאָס און אויף אַ הויכער מדרגה — אין דעם געלעכטער האָבן מיר דאָס חוזקדיקע בת־קול פון דעם יידן, וואָס האָט זיך פון אַ בן־מלך איבערגעקוליעט אין אַ הונגעריקן הונט, אַ בן־מלך, וואָס פילט און ווייסט, אַז אין זיין שרעקלעכן עלנט און זיינע וואָגלענישן טוט ער זאַכן, וואָס דערוועקן געלעכטער און שפּאָט, און ער לאַכט אויך דורך טרערן מיט אַלע וואָס שפּעטן פון אים".

ב

עד־כאן דער ערשטער ציטאַט פון ראובן ברייַנין, וואָס דערמאָנט נישט, אַז דעם ענין בן־מלך, וואָס ווערט מגולגל אין אַ הונט, האָט ער פון היינריך היינע, און פון אים האָבן עס איבערגענומען סיי מענדעלע אין "די קליאַטשע", סיי מרדכי דוד בראַנדשטעטער אין זיינס אַ נאָוועלע און אַנדערע, וואָס האָבן נישט געפרעגט, צי איז עס טאַקע אַ לעגיטימער פאַרגלייך, דהיינו צי האָט באמת אַ טיפּישער ייד אין יענער צייט, אַ מתנגד אָדער אַ חסיד, אַ למדן אָדער אַ פּראָסטאַק, זיך געפילט, אַלע ששת ימי המעשה ווי אַ הונט, און בלויז שבת זיך אומגעקערט צו זיין אַ בן־מלך. דען כאָטש ער האָט זיך טאָג־טעגלעך געקלאָגט אויפן גלות און זיינע גזירות, האָט ער דאָך, סיי אינדערוואָכן סיי שבת, איבערגעחזרט ביי שחרית: אשרינו מה טוב חלקנו, ומה נעים גורלנו, ומה יפה ירושתנו, טייטש: וויל אונדז, ווי גוט איז אונדזער אַנטייל, און ווי צימלעך איז אונדזער גורל, און ווי שיין איז אונדזער אַרב, און עס, דוכט זיך, איז שווער צו זאָגן, אַז אַזוינע ווערטער וואָס מען האָט זיי אויסגערופן ביים דאַווענען, און אפילו געזונגען, מיט אַ פריילעכן ניגון, זענען אין ששת ימי המעשה געווען אַ קרעכץ פון אַ הונט, און שבת, מיט דער נשמה יתרה, זענען זיי געוואָרן אַן אויפיויכץ פון אַ בן־מלך. וועל איך דעם עצם באַהאַנדל פון היינעס משל און זיינע, נישט איבעריק ערנצטע מקורים, אויך אין זיין אייגענער פּאָעזיע, אָפּלייגן אויף אַ באַזונדערן שעת־כושר, און איצט זיך באַנוגענען מיט אַ פרעגצייכן לגבי זיין גילגול אין דער משכילישער, סיי יידישער סיי העברעישער ליטעראַטור, און באַמערקן, אַז ברייַנין האָט, ווייזט אויס, אויך עפּעס געספּקט דערוועגן, אָבער אַזוי־ווי ער האָט מסתמא געהאַלטן, מי לנו גדול כהיינע, האָט ער זיך געטשעפּעט צו אַ קלענערן פון אים, און האָט אַזוי געזאָגט: "צום הומאָר פון מענדעלע האָט זיך נישט דערהויבן דער דערציילער ישראל זאַנגוויל, אפילו אין "קיניג פון די שנאָרערס". דער הומאָר פון זאַנגוויל שטאַמט נישט אַרויס פון עצם לעבן אונדזערן, נאָר איז גענומען פון זיין זכרון, פון שמועס פון אַלטע לייט, פון סיפּורי־מעשיות און ספרי הלכה. זאַנגוויל האָט, אין זיינע קינדערישע יאָרן, געהערט הלצות און חידודים פון געטאָ־יידן און פון ביכער האָט ער, אין זיין פּעקל אַריין, געזאַמלט שפּיציקע שפּאַסן, וואָס גייען אַן אין דער יידישער גאַס, און האָט זיי, ווי זיי שטיין און גיין, אַריינגענומען, ווי פעפערלעך אין זיינע דערציילונגען און סקיצעס. דער דערציילער אין זאַנגוויל גייט זיך באַזונדערס, און דער לץ און בעל־הומאָר אין אים גייט זיך באַזונדערס. נישט אַזוי האַלט מענדעלע; ער באַנוצט זיך נישט מיט הלצות און חידודים, וואָס זענען גענומען אויף קרעדיט, פון "געזען און געהערט" אין דער יידישער גאַס און מאַרק; זיין הומאָר שטאַמט אַרויס פון די טיפקייטן פון אונדזער גלותדיקן לעבן. דער ליצנישער דערציילער אין אים איז אַ כעמישער סינטעז. די הלצות און חידודים פון דער גאַס וועט איר נישט געפינען אין זיינע סיפּורי־מעשיות, אָבער אַלץ וואָס ער דערציילט, דערציילט ער מיט אַ יידישער אויפגערוימטקייט, מיט אַלע אירע מעלות און חסרונות. זיינע הלצות זענען הלצות פון עצם לעבן אונדזערן".

ג

עד־כאַן דער צווייטער ציטאַט פון ראובן ברייַנין, וואָס האָט נישט געפילט, ווי־ווייט ער פירט זיין רמז אויפן חילוק צווישן מענדעלע, וואָס שרייבט אין דער היים, פאַר דער היים, אין אַ היימישן לשון, און צווישן זאַנגוויל, וואָס שרייבט אויף דער גרענעץ צווישן דער היים און דער פרעמד, פאַר פרעמדע און אָפּגעפרעמדטע אין אַ פרעמד לשון. און דאָ איז אַ גרויסע ממש אַנטשיידנדיקע נפקא־מינה, וואָס מיר פאַרגעסן זי און מען טאָר זי נישט פאַרגעסן.

און צוריק צו דעם וואָס עס איז, פאַר אונדז איצט, דער עיקר. נאָך דעם ווי מיר האָבן, פון ברייַנינען, געהערט, וואָס און ווי־אַזוי איז מענדעלעס הומאָר, וועלן מיר פון אים הערן, וואָס און ווי־אַזוי איז שלום־עליכמס הומאָר. "שלום־עליכם — פירט ער אויס — איז געווען דער ערשטער, וואָס דורך אים האָט זיך אַנטפּלעקט דער יידישער הומאָר אין אַלע זיינע מעלות און יתרונות. דער מקור פון שלום עליכמס הומאָר איז ריין, ווי אַ קלאָרער קוואַל, אַן אַ שום פרעמדן צומיש, און ער קוואַלט אַרויס פון דעם עצם גלותדיקן לעבן אונדזערן. ער איז קרישטאָל־קלאָר און דורכזעעוודיק, און האָט נישט קיין שפּרענקעלע בלאָטע און גאַסן־קויט. שלום עליכמס הומאָר איז גאָטס גאָב. דער גאָט פון גנאָד און מיטלייד, דער גאָט וואָס זיצט אין הימל און לאַכט פון דער מענטשלעכער נאַרישקייט. שלום עליכמס הומאָר איז אויך פול חן און פּאָעזיע, יידישע אויפגערוימטקייט און געפילס־אויסגוס. שלום עליכם פאַרמאָגט אַ קלאָר אויג און אַן אָפן אויער, און ער גרימט און ביטערט קיינמאָל נישט אויף עמעצן.

---

מאיר חרץ

## וואָס מיר זענען זענען מיר

געבוירן בין איך אין מיין היים דער צווייטער,
צי בלייבט דען עמעץ לעבן אויף דער לייטער
פון יענער שיף, ווו ער געבוירן אויפן ים איז
אין חודש חשוון צי אין חודש תמוז,
צי בלייבט דען עמעץ לעבן אין די פלאַמען,
וואָס כאַפּן אָן די צווייגן און די שטאַמען
מיט נעסטן אויסגעבעטע, באַזונגענע, פאַרזויגטע?
אַ פאָלק באַשטראָפטע אויפשטענדלער באַזיגטע,
פון לאַנד צו לאַנד געטריבענע, געיאָגטע,
האָט אונדז, דער קרייז פון וואַנדערונגען,
אויסגענאָגטע
צוריק געבראַכט אין לאַנד פון אויפשטאַנד
קעגן רוימער
די זעלבע איינגעשפּאַרטע און די זעלבע
טרוימער,
וואָס זענען נישט מותּר אויף קיין פאָדעם
פון אונדזערע געזאַנגען, פון אונדזערע בגדים,
פון אונדזער רעדן מיט די הענט און מיט אַ ניגון,
פון אונדזער שטייגער, וואָס די גויים האָבן אים
פאַרשפּיגן,
פון "וואָס מיר זענען זענען מיר" — דאָס
באַקאַנטע לידל —
"אָבער יידן זענען מיר" און געקומען יידן.

Summarizes the commonplace distinction between humor/satire: SA / Mendele
from his earlier article on MM

דאַריבער איז זיין הומאָר אָנגענעם און לייכט, ווי די זון־שטראַלן און די וועסנע־ריחות, גוט צו גאָט און צו לייט. שלום עליכם איז אַ גוטער און גוטינקער פעטער פון קליינוואַרג און אַ גוטער און גוטינקער ברודער פון גרויסוואַרג. ער איז אַ טייערער אין יעדער יידישער שטוב. שלום עליכמס גאַסט, ווי אליהו הנביא פון דער הגדה, הומאָר איז אַ לוסטיקע שאַפונג פון אַ לעבנס־פילאָזאָף, פון אַ לעבנס־פּאָעט. שלום עליכם האָט קיינמאָל נישט געלאַכט מחמת אַ באַזונדערער ליטעראַרישער כוונה, נאָר מחמת אַן אינעווייניקסטער נויטווענדיקייט. דאָס לעבן איז זיין נאַטור, און אַנדערש קאָן ער נישט״.

ד

עד־כאָן דער לעצטער ציטאַט פון ראובן ברײַנין, וואָס איך האָב מיך באַמיט אים סטריקט צו פאַריידישן, און אַז מען פאַרגלייכט זיינע ביידע כאַראַקטעריסטיקעס, — פון מענדעלע און פון שלום עליכם — ווערט בולט אַ שטאַרקער חילוק. אין דער ערשטער כאַראַקטעריסטיקע, וועגן מענדעלע, האָבן מיר אַ קילן אַנאַליז, וואָס בעט זיך פאַרגליכן צו ווערן, און מיר האָבן טאַקע דעם פאַרבאַהאַלטענעם פאַרגלייך מיט היינע׳ן, און דעם אָפענעם פאַרגלייך מיט זאַנגוויל; אין דער אַנדערער כאַראַקטעריסטיקע, וועגן שלום־עליכם, האָבן מיר אַ וואַרעמען כמעט הייסן, שיר ושבחה, וואָס דאַרף נישט קיין פאַרגלייכן, ווי עס דאַרף עס נישט דאָס אומפאַרגלייכלעכע, און ווען מען כאַפּט זיך נאָך, אַז אין אַרויסזאָג וועגן מענדעלע ווערט זיין נאָמען בלויז עטלעכע מאָל דערמאָנט, אָבער אין אַרויסזאָג וועגן שלום־עליכם, הערט זיין נאָמען נישט אויף דערמאָנט צו ווערן, איז עס נישט בלויז אַ ראיה, אַז דער קריטיקער האָט אַ סך אָפּשיי פאַר מענדעלע, אָבער נאָך מער ליבשאַפט פאַר שלום־עליכם, נייערט אויך אַ ראיה דערצו, אַז דער עצם קלאַנג פון די פינעף טראַפן: שלום־עליכם איז אַ ווונדערלעכער האַרציקער כישוף.

אָבער דאָס דרך־אגב — דער צד השווה פון די צוויי, היינט כמעט פאַרגעסענע קריטיקערס, ענטין און ברײַנין, איז די סברה, אַז מיר האָבן ביי די ביידע מייסטערס צו טאָן מיט הומאָר, וואָס די סאַטירע איז אים נישט קיין צד שכנגד, נאָר אַ מעגלעכער עלעמענט פון אים.

ה

און אויב אַזוי, וועל איך זאָגן ווי דער שר־המשקים: את חטאי אני מזכיר היום, טייטש: מיינע זינד וועל איך דערמאָנען היינט — מיט אַ קאַרגע פערציק יאָר צוריק, האָב איך, טאַקע אין אַ מאמר וועגן שלום־עליכמס מנחם מענדל (אַריין אין מיין בוך ״אבני מפּתן״, תשכ״ב, זע בעיקר ז״ז 26—27), זיך אָפּגעשטעלט אויפן פּאָרל: הומאָר און סאַטירע ווי צוויי קאָנטראַסטן, און באַזונדערע ליטעראַרישע ספּעציעס. איך האָב דאָרט אָפּגעפרעגט די סברה, אַז די פיגור פון מנחם מענדל איז אַ נעגאַטיווע, געצייכנט מיט אַ פּען פון אַ סאַטיריקער, און אַז זיין שרייבער איז, צווישן די שורות, אַ מוכיח, כמעט אַ מאָראַליזאַטאָר, בשעת דער אמת איז, אַז די פיגור פון מנחם מענדל איז אַ פּאָזיטיווע, געצייכנט מיט דער פּעדער פון אַ הומאָריסט, און דאָ האָב איך געפּרוווט עפּעס זאָגן וועגן דעם קאָנטראַרן פּאָרל, באַטאָנט די, ביז באַנאַליטעט, איבערגעחזרטע סברה, אַז די סאַטירע, וואָס פאַרלאַכט און פאַרשפּאָט אַ ווערקלעכקייט מחמת אירע חסרונות, און אַ געשטאַלט מחמת זיינע פעלערן, גלויבט אין דער מעגלעכקייט פון אַן אַנדערער געהויבענער און פולקומענער, ווערקלעכקייט, און פון אַן אַנדערער, געהויבענער און פולקומענער, געשטאַלט, און, אין נאָמען פון אַ פאַרבאַרגענעם אידעאַל, שמייסט זי אומברחמנותדיק דאָס אומגעלומפּערטע, פעלערדיקע, כלעמומריקע (=כל מום רע) בשעת דער הומאָר איז מלכתחילה מוותר אויף אַ געהיימען מעסטער פון דער געווונטשענער ווערקלעכקייט און פון דער געווונטשענער געשטאַלט, דען ער, דער הומאָר, דערגרייכט טיפער, ווי עס דערגרייכט און איז מסוגל צו דערגרייכן די סאַטירע. דען זי, די סאַטירע, פאַרשפּילט זיך אין אַן אילוזיע, און זי איז מלא כעס: גיט מיר אַן אַנדערע ווערקלעכקייט, אַן אַנדערן מענטשן, און תיכף שטעלט זיך צווישן זיי אַן ערנצטע האַרמאָניע; בשעת ער, דער הומאָר, פאַרשפּילט זיך נישט אין אילוזיע, און זאָגט: ס׳זענען מיר געגעבן אַ ווערקלעכקייט, אַ מענטש, וואָס וועלן נישט ווערן אַנדערש, קענען נישט ווערן אַנדערש, און וואָס איך, דער הומאָר, קאָן טאָן און דאַרף טאָן, איז באַטרייבן אַ שמייכלדיקע איראָניע, וואָס וויגט זיך צווישן זיי, זאָל זי זיך טאַקע ווייטער און נאָך שמייכלדיקער וויגן. דערפאַר איז דער טרויער פון הומאָר אַ סך טיפער און גרונטיקער, אָבער אויך זיין גלויבן איז אַ סך גרעסער און פאַראַנקערטער. און פאַרוואָר, פּישקע דער קרומער, — מיינט זיין באַשאַפער — וועט אין אַן אַנדערער ווערקלעכקייט אויפהערן זיין פּישקע; אויף וויפל זי, די ווערקלעכקייט, וועט זיין בעסער, וועט ער, פּישקע, זיין בעסער, נענטער צו זיין באַשאַפערס פאַרבאַרגענעם אידעאַל; מנחם מענדל — מיינט זיין באַשאַפער — וועט אין אַ יעדער ווערקלעכקייט בלייבן מנחם מענדל, ער קען אָננעמען כלערליי גלגולים און פּרצופים, אָבער די שפּאַנונג צווישן ביידע, אים און דער ווערקלעכקייט וועט אייביק בלייבן, דען זי, די שפּאַנונג צווישן זיי וועט תמיד בלייבן, ווייל די דאָזיקע שפּאַנונג איז דאָס זאַלץ פון מענטשלעכן לעבן און זיין באַשטאַנד.

ו

יאָ, אַזוי, בערך, האָב איך געדאַנקלט, מיט אַ קרוב פערציק יאָר צוריק, ווען מען האָט, ביי אונדז אין לאַנד, געשטעלט אַ דראַמאַטיזאַציע פון ״מנחם מענדל בעל־החלומות״, און די סתירות פון דער קריטיק האָבן מיך אָנגערעגט זיך אָפּצורופן. מיט ניינצן יאָר שפּעטער האָב איך מיך דערצו אַ קאָפּ אומגעקערט — ווען אונדזער דעמלטיקער שר־החינוך, זלמן אַרן עליו השלום, האָט פּראָקלאַמירט שלום עליכמס הונדערטיאָריקן געבוירן־טאָג, ווי אַ מלוכה־פייער, האָט ער געזאָגט, אַז שלום עליכמס עיקר פאַרשוינען זענען געקומען אין אונדזער לאַנד אַריין און האָבן דאָ געקריגן אַ תיקון — מנחם מענדל איז געוואָרן אַ קאָלאָניזאַטאָר; טוביה דער מילכיקער איז געוואָרן אַ בהמה־שטאַל־מייסטער; און מאָטל פּייסי דעם חזנס איז אַ יונג מיט ביינער אין גדנ״ע און צה״ל. האָב איך מיך דערויף אָפּגערופן (זע אין מיין בוך ״אבני מפּתן״ באַנד 1, בעיקר ז״ז 43—44) און געזאָגט, אַז אויב אַזוי, הייסט עס, אַז ווען שלום עליכם וואָלט געלעבט אין אונדזערע טעג, וואָלט ער געבליבן אָן אַ שטאַך אַרבעט; און דאָס ווייזט זיך מיר אויס אַ טעות. זעען מיר דאָך פעלקער, וואָס זענען נישט געווען אין גלות, און האָבן געהאַט גרויסע הומאָריסטן, און זייער הומאָר איז געווען באַשעפּטיקט ביז איבערן קאָפּ — סיי דער ענגליש־פאַרוואָרצלטער דיקענס, סיי דער רוסיש־אַסימילירטער אוקראַינער גאָגאָל; סיי דער סמעלטינג־פּאָט־אַמעריקאַנער מאַרק טווין — די דריי זענען אַ קיצור פאַר דער כלל־פּאַנאָראַמע פון די פעלקער — און מיט דער גאַנצער אַנדערשקייט איז פאַראַן צווישן זיי אַ שטאַרקע ענלעכקייט. בעיקר זענען זיי אַנדערש אין זייער אופן אָנטפּלעקן פונעם רעלאַטיוון און באַדינגטן אומעט פון וועלט, מענטש און

## ליד וועגן כותל מערבי

שלמה רויטמאַן

ווען כ׳קום צו דיר כותל, וואָס איז דעמאָלט אויסן
מיין האַרץ, וואָס עס טוליעט זיך איין אין דיין שטיין?
לעם דיר בין איך מער גיט דאָס קינד פונעם דרויסן,
לעם דיר בין איך מער ניט דאָס קינד אָן אַ היים.

די שפּעלטעלעך דיינע — ווי שורהלעך תורה,
דו ביסט ווי די מפּה, ווי ס׳מאָלט זיך מיין לאַנד,
דו ביסט ניט צעבראָכן, די זון — דיין מנורה,
און ס׳איז דיר ישראל דיין צווייטע וואַנט.

פאַרנאַכט לאָזט מיט שפּאַרעס מיט דיינע מיך הערן
דעם ניגון פון מערב — ער איז דאָך דיין שפּראַך,
אויף דיר לייגט דער אויבערשטער אויס דאָן פון שטערן,
גלייך ווי פון טשערעפּלעך זיינע — אַ דאַך.

אַוועלכן דען מוליער דיך קען איך פאַרטרויען,
אַז כ׳קען אויך ניט טרויען דעם גלעט פון מיין האַנט,
די זון וועט אַליין שוין דיך, כותל, דערבויען,
און ס׳איז דיר ישראל דיין דריטע וואַנט.

דער פּרי הענגט אויף אַקסלען ביי דיר, ווי אַ טלית,
פון פויגלען, פון שאָטנס און ליכט איז זיין שפּיל,
דו דאַוונסט מיט גליבעס, מיט טויבן איצט שחרית,
דאָס זאַמד און דאָס ביסעלע גראָז איז דיין דיל,

דער שטורעם — דיין אָטעם, מיין טרער — דיינע אויגן,
דיין שטיין איז נשמה, מיין אָנהייב — דיין ראַנד,
דו שטייסט ווי מתפּללדיק־שטיל אָנגעבויגן.
און ס׳איז דיר ישראל דיין פערטע וואַנט.

לעבן, אָבער זיי זענען זיך ענלעך אין אופן אַנטפּלעקן פונעם אַבסאָלוטן טרויער פון וועלט, מענטש און לעבן, וואָס זיי באַלויכטן זיי מיטן איידעלן ליכט, וואָס שטראַלט פון זיי אַליין אַרויס, דאָס ליכט פון הומאָר. דוכט זיך, אַז די טיפסטע דעפיניציע וועגן דעם דאָזיקן הומאָר שטאַמט פון אַ טראַגיקער — דער גרויסער דייטשישער דראַמאַטיקער פרידריך העבעל: אָבער איידער מיר וועלן זי ברענגען ווילן מיר, אין פּאַראַנטעז, דערמאָנען, אַז ער האָט אויך געמאַכט טיפע באַמערקן וועגן יידישן הומאָר, האָט אָבער נישט געוווּסט, אַז כאָטש עס איז הומאָר פון יידן, איז עס פאַרט נישט קיין יידישער הומאָר. יאָ, ווען העבעל האָט זיך אריינגעלייענט אין דעם הומאָר, ווי עס האָבן אים דעמאָלט פּראָדוצירט שרייבער פון יידישן אָפּשטאַם, באַזונדערס פון סאָרט מאָריץ סאַפיר, און האָבן אים, העבעלן, שאָקירט, האָט ער געשריבן: "עס איז נישט קיין צופאַל, אַז דווקא די יידישע שרייבער, אין דער לעצטער צייט, זענען שאַרפע וויצלינגען, און ווי מיר לערנען פון תנ"ך איז דער מקור דערפון נישט אין ארץ ישראל". און ער, העבעל, דערקלערט זיך דאָס אַזוי: "ווער עס איז תמיד געווען געצוווּנגען צו גיין געהאַרבעט און געבויגן, און האָט תמיד געמוזט אריינקוועטשן דעם קאָפּ צווישן די פּלייצעס, און האָט געמעגט בלויז צווינקערן מיט די אויגן, איז קיין וווּנדער נישט, אַז די ריינע, רונדע ליניעס פון באַשאַף האָבן זיך ממילא פאַרקרומט, ווי אַ שאַרף־צאַקיקער זיגזאַג. אָבער מיט דער עמאַנציפּאַציע פון די יידן, וועט די דאָזיקע מידה נעלם ווערן, ווייל די עמאַנציפּאַציע וועט העלפן די יידן אין אַלע באַציִען, וועט אָבער שאַטן זייער וויץ".

ז

לאָזט זיך, מסתמא, געשמאַק וויכוחן מיט העבעלס טאָפּלעם טעות — ערשטנס, דעם יידישן הומאָר, וואָס יידישע יידן האָבן פּראָדוצירט צווישן יידן און פאַר יידן, אין זייער וועלט און שטייגער און אין זייער שפּראַך, האָט ער דאָך נישט געקענט; דעם הומאָר, וואָס יידן־אָפּשטאַמיקע האָבן פּראָדוצירט צווישן גוים פאַר גוים און אין גויִיש לשון, און וואָס ער האָט, אין דער דייטשישער ליטעראַטור, אַנגעטראָפן, האָט די עמאַנציפּאַציע נישט באַפרייט פון זיין זיגזאַגישער שאַרף־צאַקיקייט; אַדרבה, דאָ איז חל, וואָס משה קאַלוואַרי האָט אָבסערווירט לגבי דעם אַנטייל פון יידן אין דער דייטשישער ליטעראַטור — וואָס שפּעטער אַ דור, ווערט אַלץ בולטער עפּעס אַן אַנדערשקייט, אַ באַזונדערישקייט, וועלכע לאָזט זיך בלויז דערקלערן ווי אַן עלעמענט פון זייער שורש, און ער ברענגט אויך דוגמות דערצו — ביי משה מענדעלזאָן איז נאָך שווער אָפּצושיידן צווישן זיין שפּראַך און דער שפּראַך פון זיינע דייטשישע גויִישע מיטצייטלערס; אַ דור שפּעטער, ביי לודוויג בערנע און היינריך היינע, איז דער חילוק צווישן זיי און זייערע גויִישע מיטצייטלערס, אַ גאַר שטאַרקער און שאַרפער; און אַז מיר קומען גאַר ווייטער, אין אונדזער דור אַריין, צו קאַרל קראַוס, אָדער אַלפרעד קערר, איז דער דאָזיקער חילוק גאַר אויפגעפּראַלט; משמע, אַז וואָס מער מען האָט אַרויסגעטריבן דורך דער טיר, איז אַריין דורכן פענצטער; און וואָס מער מען האָט אַרויסגעיאָגט דורכן קוקער פונעם בווידעם איז אַריין דורכן לאָך פונעם קעלער. משמע, אַז העבעלס פּראָגנאָז איז בפירוש נישט מקויים געוואָרן; די עמאַנציפּאַציע האָט דעם דאָזיקן הומאָר נישט באַפרייט פון דער צאַקיקייט; אדרבה, זי האָט זי, אין אַן אַלץ־שטייגנדיקער פּראָגרעסיע, נאָך מער פאַרשפּיצט, און עס בלייבט נאָך נאָכצופאָרשן, ווי עס איז צוגעגאַנגען אין אַנדערע ליטעראַטורן — פראַנצויזיש, רוסיש, פּויליש, ווו יידן זענען אַריינגעדרונגען — אויף וויפל איך בין מסוגל דעם ענין נאָכצוגיין, איז עס אין גרונט, נישט אַנדערש.

ח

אָבער דאָס האָט נישט צו טאָן נישט מיטן אמתן הומאָר בכלל, און נישט מיטן אמתן יידישן הומאָר בפרט, וואָס זיין צייטיקסטע פּרי איז — שלום עליכם. וואָס שייך דעם אמתן הומאָר, דער לירישער הומאָר, "איז אַ בפירושער דואַליזם — ער קומט נישט אויסמאָלן די קאַריקאַטור פונעם אידעאַל, אָדער זיין שאָטן, נייערט דעם אידעאַל גופא אין זיין געראַנגל, זיך צו קאָנקרעטיזירן, אָבער אויב די פּאָזיטיווע קונסט וויל דורכפליען דעם תחום, וואָס שיידט אָפּ צווישן דער ממשות און דער מעגלעכקייט, קומט דער הומאָר, ווי אַ נעגאַטיווע קונסט, וואָס וואַרפט זיך אַריין אין תהום אַריין, און דאָ איז פאַראַן אַ ייאוש אָבער אָן דער נחמה, וואָס איז פאַראַן אין דער דערשיטערנדיקסטער טראַגיק".

צי האָט טאַקע שלום עליכמס הומאָר נישט קיין נחמה — דאָס איז אַן ענין פאַר אַ באַזונדער קאַפּיטל, וואָס וועט גיין אין קומענדיקן נומער.

# דער לעצטער וועג פון חנה ראָווינאַ

## משה רון

י"ז שבט תש"ם האָבן מיר באַגלייט די באַרימטע העברעישע קינסטלערין צו איר אייביקע רו, די מלכה און מאַמע פון העברעישן טעאַטער בכלל און פון "הבימה" בפרט — חנה ראָווינאַ.

ראָווינאַ האָט אָנגעהויבן איר קאַריערע באַלד נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע. אין משך פון די העכער 60 יאָר טעאַטער־טעטיקייט, האָט ראָווינאַ באַוויזן אָנטיילצונעמען אין 69 פּיעסן. אין אַלע אירע הויפּטראָלן: לאהלע אין "דיבוק", "מירעלע אפרת", "היהודי הנצחי" (דער אייביקער ייד), "כינרת כינרת", "מוטער קוראַזש", "מאַקבעט" און פיל אַנדערע פאַרשטעלונגען האָט זי אין משך פון תקופות אַרויסגערופן רעספּעקט און באַוווּנדערונג אויך אין די יידישע קיבוצים, פּוילן, ריגע, אַמעריקע און אַנדערע לענדער. זי האָט ממש אַנטציקט דעם עולם מיט איר שפּילן. ראָווינאַ האָט גרויסע פאַרדינסטן וואָס דאָס "הבימה"־טעאַטער איז געקומען קיין ארץ־ישראל אין יאָר 1927 (נאָך דער שפּאַלטונג פון דאָזיקן טעאַטער), ווען דער גרינדער פון "הבימה", נחום צמח האָט דעמאָלט פאַרלאַנגט, אַז "הבימה" זאָל בלייבן דערווייל אין אַמעריקע און נישט פאָרן קיין ארץ־ישראל. פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן, צוזאַמען מיט חנה ראָווינאַ האָט דעמאָלט משפּיע געווען אויפן אַנסאַמבל נישט אָפּצוהאַלטן דאָס פאָרן קיין ארץ ישראל און גלייך נעמען שפּילן דאָרט טעאַטער.

אין די לעצטע צוויי יאָר, האָט חנה ראָווינאַ שוין נישט איבערגעטראָטן די ברעטער פון טעאַטער. בעת "הבימה" האָט מיט אַ יאָר צוריק געפייערט דעם 60־יאָריקן יובל, האָט זי זיך שלעכט געפילט מיט איר געזונט־צושטאַנד און נישט געקומען צו דער פייערונג.

מיט עטלעכע מאָנאַטן צוריק, האָט דער געווו' קינסטלערישער לייטער פון "הבימה", דער באַקאַנטער שוישפּילער שמעון פינקעל



געבראַכט איר צו דער פאַרשטעלונג "סיפור פשוט" פון ש"י עגנון. דאָ נישט לאַנג האָט מען געפייערט איר 90־יאָריקן געבוירנטאָג. אין "הבימה" האָט מען דעם גרויסן טעאַטער־זאַל אָנגערופן אויף איר נאָמען, אָבער זי האָט שוין נישט, צוליב איר געזונט־צושטאַנד, געקאָנט אָנטיילנעמען אין דער פייערונג.

מיט אַ קורצער צייט צוריק איז ראָווינאַ אַריבערגעפירט געוואָרן אין סאַנאַטאָריום לעווינשטיין אין רעננה. דאָרט געפינען זיך איצט נאָך עטלעכע געשטאַלטן פון אַמאָליקן תל־אביב, וואָס האָבן דערגרייכט דעם הויכן עלטער פון קרוב ניינציק.

פון צייט צו צייט פלעגן שרייבער, קינסטלער און געזעלשאַפטלעכע טוער באַזוכן די קולטור־פּערזענלעכקייטן אין סאַנאַטאָריום.

חנה ראָווינאַ האָט געהאַט אַ סך פאַרדינסטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער העברעישער שפּראַך — אַלס לעבעדיקע שפּראַך. זי פלעגט אויך זייער גערן אויפטרעטן מיט יידישע רעציטאַציעס אויף יידישע קינסטלערישע פאַראַנשטאַלטונגען. סיי אין ישראל און סיי אין די יידישע קיבוצים אויף דער גאַנצער וועלט איז זי געווען געוואַלדיק פּאָפּולער און באַליבט, אומעטום האָט מען איר אָפּגעגעבן כבוד אויך פאַר איר זעלטענער פּערזענלעכקייט ווי אַ מענטש מיט אַ וואַרעם יידיש האַרץ.

איך געדענק אַן עפּיזאָד פון מיט עטלעכע דרייסיק יאָר צוריק. דאָס איז געווען בעת אַ צוזאַמענפאָר פון די ארץ־ישראלדיקע זשורנאַליסטן אין לאַנד. דעמאָלט האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ גרויסער שטרייט צווישן ביידע זשורנאַליסטן־פאַראייניגן: תל־אביב און ירושלים. די קאָנפערענץ האָט שוין באַלד געהאַלטן ביי ענדע און מען האָט נישט געקאָנט קומען צו אַ פאַראייניקונג. בעת די פאַרשטייער פון דער קאָנפערענץ האָבן געגעסן מיטאָג צוזאַמען, האָט

דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון ״פּאַלעסטיין־פּאָסט״ (איצט ירושלים פּאָסט) אין ירושלים — גרשון אגרון (אַגראַנסקי) איינגעלאַדן חנה ראָווינאַ צום מיטאָג. דאָס וואָס די פאַרשטייער פון ביידע זשורנאַליסטן־פאַראיינען האָבן נישט באַוויזן צו געפינען אַ לייזונג, האָט חנה ראָווינאַ מיט איר אויטאָריטעט באַוויזן (בעת דער סעודה) צו ברענגען די צדדים צו אַ פאַרשטענדיקונג. ס'איז געקומען צו אַ פאַראייניקונג פון אַלע זשורנאַליסטן אין לאַנד, אַ פאַראייניקונג וואָס האַלט אָן, דאַנקען גאָט, ביזן היינטיקן טאָג.

חנה ראָווינאַ האָט אין משך פון איר טעאַטער־קאַריערע דורכגעמאַכט שווערע פערזענלעכע איבערלעבונגען. בעתן געבורט פון איר איינציקער טאָכטער, למשל, איז איר לעבן געווען באַדראָט. איר טאָכטער אילנה איז היינט, כידוע, אַ באַקאַנטע זינגערין אין ישראל.

אין יאָר 1957 איז זי באַערט געוואָרן מיטן ישראל־פּרייז פון דער ישראל־רעגירונג פאַר אירע קינסטלערישע פאַרדינסטן אויפן געביט פון העברעישן טעאַטער. זי האָט ליב געהאַט ״עמך״ און נישט איינמאָל פלעגן מיר זעען ווי זי וואַרט ביי דער סטאַנציע פון שטאָטישן אויטאָבוס ״נומער 5״ אַהיימצופאָרן שפּעט ביינאַכט נאָך דער פאַרשטעלונג. די וואָס האָבן איר באַמערקט פלעגן גערן זיך אָפּשטעלן און איר אַהיימפירן אין זייער פּריוואַטן אויטאָ. זי פלעגט באַזוכן פאַרשידענע קלובן פון קינדער, נייע עולים, מיליטער־באַזעס און מיט זיי זיך פרייען.

אין דער צייט פון היטלער־קריג איז זי אייניקע מאָל געפאָרן קיין מצרים און קיין איטאַליע און אויפגעטראָטן פאַר די יידישע סאָלדאַטן, וואָס האָבן דעמאָלט געקעמפט אין דער ענגלישער אַרמיי. זי פלעגט אויפטרעטן פאַר די יידישע סאָלדאַטן אויך אונטערן פרייען הימל.

טויזנטער פאַרערערס האָבן געשטראָמט צום בנין פון ״הבימה״, ווען מען האָט אַוועקגעשטעלט דעם ארון אויף דער בינע — אויף דער זעלבער בינע וווּ ראָווינאַ פלעגט שפּילן. דער ארון איז געווען באַדעקט מיט בלומען. אַן ערן־וואַך איז געשטאַנען אַרום ארון, בעת די צוויי ליכט האָבע געברענט ביז די לוויה האָט גערירט צום בית הקברות אין קרית־שאול.

צווישן די ריזיקע מאַסן וואָס זענען געקומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד זענען געווען קינסטלער, שרייבער, קולטור־טוער, כנסת־מיטגלידער. פון דער רעגירונג איז קיינער נישט געקומען צו דער לוויה, הגם דער פּרעמיער־מיניסטער און דער בילדונגס־ און דערציונגס־מיניסטער האָבן געשיקט מיטגעפיל־דעפּעשן. אויף דער זיצונג פון דער ישראל־רעגירונג האָט דער פּרעמיער־מיניסטער מנחם בעגין איר מספּיד־געווען און צוו. אַנד. געזאָגט: ״חנה ראָווינאַ האָט קאָלאָסאַלע פאַרדינסטן פאַר געבן דעם געהעריקן אויסדרוק פון דער העברעישער שפּראַך אין אַלע אירע פאָרשטעלונגען. זי איז געווען באַליבט ביים פאָלק. די ישראל־רעגירונג דריקט אויס מיטגעפיל דער משפּחה און דעם טעאַטער ״הבימה״.

די לוויה איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער שטאָט־פאַרוואַלטונג פון תל־אביב־יפו און ״הבימה״־טעאַטער. הספּדים האָבן געהאַלטן דער מלוכה־פּרעזידענט יצחק נבון, דער וועטעראַן פון ״הבימה״־טעאַטער שמעון פינקעל, וואָס האָט באַצייכנט ראָווינאַ אַלס די ״כוהנת הגדולה״ פון ״הבימה״־טעאַטער. רער שטאָט־פּרעזידענט פון תל־אביב־יפו, שלמה להט האָט זיך געזעגנט פון ראָווינאַ אין נאָמען פון דער שטאָט תל־אביב־יפו. באַזונדערס רירנדיק איז געווען דער הספּד פון מלוכה־פּרעזידענט. ער האָט צוו. אַנד. געזאָגט:

״מיר האָבן נישט אין אונדזער האַרץ קיין געוויין און צאַרן, נאָר אַ טיפן טרויער וואָס מיר וועלן שוין מער נישט זוכה־זיין צו דעם חסד, וואָס זי האָט אונדז פאַרשאַפט אַזוי פיל יאָרן; אַ געפיל פון טרויער אָבער אויך אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט וואָס עס האָט אַזוי טרעפלעך אויסגעדריקט זיינער צייט דער באַוווסטער פּאָעט און שרייבער נתן אַלטערמאַן: ״אַ דאַנק דיר באַקרוינטע פרוי, אַ דאַנק דיר ווונדערבאַרע העברעישע שוישפּילערין״.

צענדליקער בלומען־קרענץ זענען געלייגט געוואָרן אויף איר קבר. דער חזן בנימין אונגער האָט געזאָגט צידוק הדין און שמעון פינקעל האָט געזאָגט קדיש — לויט ראָווינאַס צוואה...

דאָס איז געווען דער לעצטער פאָרהאַנג־אַראָפּלאָז איבער דער רייכער לאַנגיאָריקער לעבנס־בינע פון חנה ראָווינאַ.

## אַ שוישפּילערין אַ לעגענדע

מיטן טויט פון חנה ראָווינאַ איז פאַרשוווּנדן פון אונדזער לעבנס־פּייזאַזש אַ וווּנדערלעכער מיטאָס, די גרעסטע און זעלטנסטע געשטאַלט וואָס האָט געבויט דאָס טעאַטער אין לאַנד; די לעגענדע און מיטאָס וואָס זענען אַרום איר געוועבט געוואָרן וועלן אָבער בלייבן אויף אייביק.

איר בראשית־וועג צום העברעישן טעאַטער — מיט 66 יאָר צוריק אין וואַרשע, דורך הבימה אין מאָסקווע און איר עליה קיין ארץ־ישראל מיט 52 יאָר צוריק. 66 יאָר איז חנה ראָווינאַ געווען אין טעאַטער ווי אַ שוישפּילערין מיט אַ נאַציאָנאַלער מיסיע. מער ווי אַ יובל איז זי געווען אַן אינטעגראַלער טייל פון ארץ־ישראל־פּייזאַזש און קולטור, אַ סימבאָל פון בעסטן און שענסטן אין אונדזער לעבן.

די ערשטע דאַמע פון טעאַטער אין ישראל — טראָץ איר פּאָפּולאַריטעט אין דער וועלט און גרויסן שם — איז געווען באַשיידן. זי האָט געלעבט מיטן פאָלק, פאַרוואָרצלט אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, האָט לעבהאַפט רעאַגירט אויף געשעענישן און דערשיינונגען, פאַר און קעגן, געווען היימיש מיט מענטשן.

איר דערשיינען אויף דער בינע אין די פיל ראָלן וואָס זי האָט פאַרקערפּערט אין משך פון די איבער זעכציק יאָר — איז תמיד געווען אַ טיפע איבערלעבעניש פאַרן צושויער. די ברוויזנדיקע רואיקייט און באַהערשטער שטורעם מיט וועלכע איר שפּילן האָט זיך אויסגעצייכנט, האָבן גערעדט צום האַרץ און איבערגעלאָזט אַן אומפאַרגעסלעכן רושם.

מיט אַ סך אייגנשאַפטן איז זי באַקאַנט געוואָרן: אַ מעכטיקער כוח פון שפּילן, זעלטענע שיינקייט, אַ טיף קול וואָס דרינגט אַריין אין האַרץ, און איבער אַלעם — חן און חסד. דאָס אַלץ האָט זי פאַרוואַנדלט אין אַ פּרעכטיקער געשטאַלט צו וועלכער קוואַלן פון ליבשאַפט האָבן געשטראָמט פון אַלע זייטן.

חנה ראָווינאַ איז אַוועק אין טיפן עלטער. זי האָט זוכה־געווען נישט בלויז צו אריכות ימים אין פּשוטן זין פון וואָרט נאָר אויך צו אַ לאַנג לעבן אין איר אַדעליקער וועלט: טעאַטער. ביז מיט דריי יאָר צוריק איז זי דערשינען אויף דער בינע און די לעצטע און סימבאָלישע ראָל פון דער מלכה און מאַמע פון העברעישן טעאַטער איז געווען — די מלכה־מאַמע אין ״קעניג ריטשאַרד דער דריטער״.

איר געשטאַלט וועט בלייבן אויף אייביק איינעם קולטור־פּאַנטעאָן פון ישראל — פונעם פאָלק און פון דער מדינה.

(״דבר״)

## נעכטן און היינט...

דעם 21סטן יאַנואַר 1941 איז אין בוקאַרעסט אַרעסטירט געוואָרן דער איצטיקער וויצע־שטאָט־פּרעזידענט פון תל־אביב יצחק ארצי און איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. דעם 21סטן יאַנואַר 1980 האָט ארצי זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אין איינעם פון די שענסטע האָטעלן אין בוקאַרעסט אַלס אָפיציעלער גאַסט פון דער רומענישער רעגירונג. ״מער ווי אומעטום אין דער וועלט פיל איך אין רומעניע דעם זין פון יידישער מלוכהשקייט — זאָגט ארצי — דעמאָלט האָט מען מיר געמישפּט אויף אַן אַנטי־ציוניסטישן פּראָצעס און היינט נעמט מען מיר אויף מיטן שענסטן כבוד. דעמאָלט איז דער מרחק צווישן רומעניע און ישראל געווען 30 טעג רייזע מיטן ים, און הדנט — בלויז צוויי שעה מיט צוואַנציק מינוט מיטן עראָפּלאַן אין דער לופט.

ארצי איז דאַסמאָל געווען אין רומעניע צוזאַמען מיטן דירעקטאָר פון ״בית התפוצות״ אין תל־אביב ישעיהו וויינבערג, כדי צו אָרגאַניזירן אין ישראל אַן אויסשטעלונג א.ד.ט. ״דאָס רומענישע יידנטום — נעכטן און היינט״. זוכנדיק פאַרשידענע מאַטעריאַלן זענען זיי דערשטוינט געוואָרן צו אַנטפּלעקן, אַז בעת די אַרכעאָלאָגישע אויסגראָבונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין דרום־רומעניע, ביים דונאַי, האָט מען געפונען מטבעות פון די בר־כוכבא־צייטן. דאָס ווייזט אַז געפאַנגענע פון יהודה זענען אַהין אַנגעקומען צוזאַמען מיטן חייל פון רוימישן צעזאַר טריאַנוס. אויף אַן אויפשריפט וואָס מען האָט אַנטפּלעקט אויף אַ סקולפּטאָר, ווערט געזאָגט: ״יהודה בן־סימון, דער קאָמאַנדיר פון דער איינהייט באַפרייט אייך, כדי איר זאָלט צוריקפאָרן אַהיים קיין קיסריה״...

## פּרעמיעס פאַר יידישע שרייבערס

דעם היי־יעריקן מאַנגער־פּרייז פאַר ליטעראַטור־שאַפונג אין ישראל איז צוגעטיילט געוואָרן פאַר די שרייבער: צבי אייזנמאַן, יצחק יאַנאַסאָוויטש און נחמן ראַפּפּ; דעם פּרייז פאַר יידישער ליטעראַטור־שאַפונג אין חוץ־לארץ באַקומט שמעון דונסקי פון קאַנאַדע.

חוץ דעם איז באַשלאָסן געוואָרן צוטיילן ערן־פּרייזן דעם שרייבער־וועטעראַן משה אַלטמאַן (טשערנאָוויץ) און דעם פאַרדינסטפולן בינע־קינסטלער און כראָניקער פון חורבן־וואַרשע יאַנאַס טורקאָוו, וואָס וווינט אין ישראל.

✶

די יערלעכע סובווענץ פון ליטעראַטור־פאָנד א.נ. פון ד״ר שמואל און רבקה הורביץ ז״ל ביי דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ירושלים אַרויסצוגעבן אַ בוך אין יידיש, איז היי־יאָר צוגעטיילט געוואָרן דעם שרייבער קלמן סעגאַל פאַר זיין מאַנוסקריפּט פון אַ באַנד דערציילונגען מיטן נאָמען ״ווו שמעטערלינגען פליען״.

דער רבקה יהושע גאָלדבערג־פאָנד פאַר ליטעראַטור און שואה־שאַפונג האָט עטאַבלירט אַ ספּעציעלן פּרייז אויפן נאָמען פון יהואָש (דיכטער און איבערזעצער פון תנ״ך אויף יידיש). די ערשטע פאַרטיילונג איז פאָרגעקומען אין העמלין־הויז אין תל־אביב און איז צוגעטיילט געוואָרן דעם דיכטער און ליטעראַטור־קריטיקער ד״ר י. ח. בילעצקי.

דער אליעזר פּינעס־פּרייז איז היי־יאָר צוגעטיילט געוואָרן פאַר דער פאַרשערין שרה צפּתמאַן און פאַרן ליטעראַטור־קריטיקער שמעון קאַנץ — פאַר זיין עסייען־בוך ״דער כוח פון אות״.

## תיקון טעות

אינעם אַרטיקל פון אריה דולצין אין פאַריקן נומער ״פאָלק און ציון״ (נומער 32) א.ד.ט. ״ציוניזם אין אַ צייט פון פאַרענדערונגען״ זענען אַריינגעפאַלן צוויי פעלערן.

ביים אָנהייב פונעם צווייטן שפּאַלט (זייט 5) ווערט געזאָגט ״היינט לעבן מיר אין אַ תקופה ווען דער רוב פונעם אָרגאַניזירטן יידישן פאָלק געפינט זיך אין דער מדינה״ — דאַרף נאָטירט זיין ״אין דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע״.

ביים סוף פונעם זעלבן אָפּזאַץ ווערט געזאָגט, אַז ״אויך בעת דער מאַנדאַט־תקופה, ווען מען האָט געדאַרפט סערטיפיקאַטן זענען אין מזרח־אייראָפּע געווען צענטליקער טויזנטער יידן וואָס האָבן פאַרמאָגט טויזנט שטערלינג (און נישט ווי עס אָנגעגעבן על פּי טעות הונדערט טויזנט) מיט וועלכע מען האָט געקענט באַקומען אַן אַריינפאָר־וויזע״.

דב סדן

# צווישן הומאָר און אוטאָפּיע

## צוויי פּרקים שלום עליכם

## פּרק צוויי: אוטאָפּיע

צוריקקומענדיק צום אָנגענומענעם קעגנפּאָרל: מענדעלע — דער סאַטיריקער, שלום־עליכם — דער הומאָריסט, וועלן מיר איבערחזרן דעם כלל, אַז דער סאַטיריקער איז אַן אָפענער אָדער באַהאַלטענער רעפאָרמאַטאָר, און דער גלויבן אין דער רעפאָרמע, וואָס איר ענין איז דער צומייסטלאָגישער תיקון, איז זיין נחמה, בשעת דער הומאָריסט איז אַן אָפענער אָדער באַהאַלטענער אוטאָפּיסט, און דער גלויבן אין דער אוטאָפּיע, וואָס איר ענין איז די כמעט תמיד פאַנטאַסטישע גאולה, איז זיין נחמה. כדי דעם דיאַמעטראַלן חילוק צווישן רעפאָרמאַטאָרישן תיקון און אוטאָפּישער גאולה קלאָר צו מאַכן, איז לגבי אונדזער קעגנפּאָרל, כדאי חוקר ודורש צו זיין עטלעכע תחומים און ווינקלען אין מענדעלעס און שלום עליכמס לעבן און שאַפן, אָבער מיר וועלן איצט דאָס אויסבולטן בעיקר לגבי עטלעכע פונקטן ביי שלום עליכם, וואָס ווערן זייטיק און שטיפמאַמיש באַהאַנדלט.

קודם כל זענען עס צוויי ענינים, וואָס זייערע אַקציעס זענען היינט נישט אַזוי קראַנטנע אויף דער בערזע פון דער ייִנגערער ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטורפאָרשונג — ביאָגראַפיש און אידעאָלאָגיש. אמת, דער אומחן, וואָס מען האָט אויף זיי געוואָרפן איז אַ רעאַקציע קעגן דער פריערדיקער שיטה, די צוויי עלעמענטן אַזוי גוזמהדיק צו באַנוצן, אַז דער עיקר, דאָס ליטעראַרישע ווערק, זיין קינסטלערישער ווערט, איז געוואָרן אַ מין משרת פאַר זיי און ביי זיי. אָבער דער אָפּשטויס פון די ביידע עלעמענטן איז געווען אַזוי האַמעטנע, אַז עס האָט זיך באַקומען אַ בילד פון אַ שאַפער, וואָס האָט לחלוטין נישט געהאַט קיין ביאָגראַפיע און קיין אידעאָלאָגיע, און אַזוי־ווי עס האָט זיך נאָך געשטאַרקט די שיטה צו האַלטן די פאָרעם פאַרן אייבערשטן פון שטייסל, און דעם אינהאַלט נישט צוצולאָזן צום ברעטל, איז דאָס ווערק אַזוי־ווי געבליבן הענגען אין אַ וואַקוּאום. ברוך השם, וואָס מען איז אָפּגעקומען פון דער שעדלעכער מאָדע, וואָס פירט צו אַן אומזין.

אָבער דער דערווייליקער היזק דערפון, אין פאַל שלום עליכם, ליגט אויף דער האַנט און עס איז גריילעך נישט קיין צופאַל, אַז די מאָדע האָט זיך צו אים נישט געקאָנט צוטשעפּן, ווי זי האָט זיך צוגעטשעפּעט צו אַנדערע. אָבער אַן ערלעכער באַנוץ און אויסנוץ פון זיין ביאָגראַפיע און אידעאָלאָגיע איז ווייט נישט אַקטיוויזירט געוואָרן, צו דערמעגלעכן און פאַרלייכטערן דאָס פאַרשטאַנדעניש פון עטלעכע פּראָבלעמען, און דאָס פּראָבלעם פון דער שפּאַנונג צווישן הומאָר און אוטאָפּיע דערונטער.

ב

כדי די זאַך נישט ציען אין דער לענג, וועלן מיר פּרווון אָנכאַפּן דעם פּונקט, ווו ביאָגראַפיע און אידעאָלאָגיע האָבן זיך, אַם ענגסטן, צוזאַמענגעטראָפן, אָדער אפילו צוזאַמענגעשטויסן — עס קער זיך אַן מיט דער קשיא, וואָס איך האָב שוין באַרירט, פריערדיק, ווי איז געווען דער שטעל און אַנשטעל פון די דריי קלאַסיקער פון דער מאָדערנער יידיש־ליטעראַטור אין שטורמישן מחלוקת וועגן אונדזער היסטאָרישן און אַקטואַלן גאַנג, מיטן אויפקום פון אונדזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, וואָס האָבן, הן להלכה הן למעשה, געהאַט ווידעראַנאַנדיקע אָריענטאַציעס, און מיר וועלן פּרווון אַ באַזונדערע פאָרמולאַציע.

אמת, דער עלטסטער פון די דריי, מענדעלע, האָט אויסגעדריקט זיין סימפּאַטיע לגבי יהודה לייב פּינסקערס בראָשור Autoemanzipation, דאָדורך, וואָס ער האָט זי באַאַרבעט אין אַ פּאָפּולערן יידיש־נוסח, אָבער אין זיין דערציילונג "בסתר רעם" לאָזט ער אויפטרעטן דעם קאַרלינער, וואָס איז אַ דורכזיכטיקער נאָמען פון פּינסקער (איז דאָך קאַרלין אַ פאָרשטאָט פון פּינסק), און מיר זעען באַשיינפּערלעך, ווי דער גרויסער שטורעם, וואָס האָט די בראָשור אַרויסגעבוירן, איז געוואָרן אַ קליינע זייפנבלאָז, און אַז מען גיט נאָך צו מענדעלעס דערציילונג "בישיבה של מעלה ובישיבה של מטה", פאַרשטייט מען, פאַרוואָס אַ שפּעטערע, דייטשישע בראָשור, וואָס האָט נאָך מער אויפגערודערט — הערצלס "Judenstaat", האָט מענדעלען דעם אויסגעשפּראָכענעם אַנטי־חיבת־ציוניק, שוין געטראָפן אַן אָפּגעקילטן.

דער ייִנגערער פון אים — יצחק לייבוש פּרץ האָט, ווייזט אויס, געהאַט אַ קורצן גאָר פאַרבייאיקן חיבת־ציון־פלימער, איז אָבער אַליין געגאַנגען און אַנדערע געפירט אַן אַנדערן וועג, ווו ציון איז געווען אַ ווייטער, היסטאָרישער עבר, וואָס האָט נישט קיין אַקטואַלן ממש און וועט אים אויך נישט האָבן, און אויב, ער מיט דינעזאָן, האָבן, אין אַ בריוו צו יהואשן, פאַר זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל, אים געבעטן, ער זאָל אָפּגעבן, אין זייער נאָמען, אַ גרוס די בערג פון יהודה, דעם לבנון און אַלץ וואָס איז געבליבן, און זיי באַמערקן אַז מיר וועלן זיך נישט איינפלייצן אין קיין אַנדער לאַנד, ציון איז אונדזער וועג, די וועלט מיט ציון אין דער שפּיץ, אונדזער צוקונפט — איז עס, סוף־סוף, נישט מער ווי אַ פאַריתומטער, עפּעמערישער אַפאָריזם, וואָס איז מער אַלעגאָריע ווי ממש, און מען דאַרף נישט, ווי מען האָט געפּרווט, דער דאָזיקער מליצה איינרעדן, וואָס איז אין איר נישטאָ.

דער ייִנגסטער פון די דריי — שלום עליכם, איז געווען אַ הייסער חובב־ציון, אַ דעקלאַרירטער ציוניסט, אַן איניציאַטאָר און אָנפירער פון אַ קיעווער העברעישן קלוב, האָט אָנטייל גענומען אין ציוניסטן־קאָנגרעס, פאַרעפנטלעכט אין דער "וועלט", דעם אָרגאַן פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, סיי אין דער יידישער סיי אין דער דייטשישער אויסגאַבע, האָט געדרוקט, אייגענע און איבערגעזעצטע, בראָשורן וועגן ציוניזם, און דאָס אַלץ ווערט דערמאָנט אין לעקסיקאָנען און אַרטיקלען, אָבער סיי פריער, ווען דער מאַטעריאַל איז געווען צעשאָטן און געוואָרן אַ יקר־מציאות, סיי איצט, ווען ער איז איינגעזאַמלט, פאַרמאָגן מיר נאָך אַלץ נישט קיין אויסשעפּלעכע אַרבעט, וואָס זאָל באַלייכטן די טיפערע שייכות צווישן דעם אַלעמען און זיינע איבעריקע ווערק.

ג

און קומענדיק איצט עפּעס בייטראָגן דערצו, וועלן מיר נישט נאָכגיין דעם אָנגענומענעם מנהג, און וועלן נישט קאָנטראָלירן, וואָס פאַר אַ מין ציוניסט ער איז עס געוועזן, און וואָס פאַר וואָג און ווערדע עס האָט געהאַט זיין ציוניזם, בפרט אַז דאָ איז משפּיע דער אידעאָלאָגישער און פּראַגמאַטישער צוגאַנג פון דעם אָפּשאַצער — איז ער, דער אָפּשאַצער, אַ ציוניסט, וואַקסט פיין און היפּש אויס סיי דער ווערט סיי די מדרגה פון שלום עליכמס ציוניסטישע בראָשורן איז ער ווייטער אַ נישט־ציוניסט, מה־דאָך אַן אַנטי־ציוניסט, שרומפּט זיך דאָס אַלץ ביי אים איין, און איז קוים־קוים אַ בייזאַך, און ווערט אויך קוים־קוים באַהאַנדלט, ווי אַ טפילה־לעיקר. ווי ווייט דער ענין איז פאַרוויקלט — וועל איך ברענגען אַ ראיה פון זיין איידעם, י. ד. בערקאָוויטש — אין זיין אַריינפיר צו שלום עליכמס דראַמע "דוד בן דוד", שרייבט ער: "די איינציקע געהויבענע אידיי ביי ייִדן, וואָס קאָן היינטיקע צייטן עקזאַלטירן אַ יידישן "העלד" און ברענגען אים ביז צו אמתער העלדישקייט, האָט שלום עליכם געזען [לשם אינפאָרמאַציע: מיר האַלטן יולי 1906!], אפשר אומבאַוווּסטזיניק פאַר זיך אַליין — אין דעם ציוניזם. אומבאַוווּסטזיניק — ווייל שלום עליכם אַליין איז געווען אַ שוואַכער ציוניסט. ער האָט ווייניק געגלויבט אין דעם פּראַקטישן ווערט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער איז אָבער געווען אַ געטריי קינד פון זיין פאָלק און אין האַרצן געטראָגן וואַרעמע סענטימענטן פאַרן ציוניסטישן געדאַנק, וועלכער איז ביי אים געווען דער מאָדערנער אויסדרוק פונעם אַלטן משיח־גלויבן ביי ייִדן" ("די גאָלדענע קייט", 1959, העפט 34, ז' 14). אַזוי האָבן מיר אויך, כמעט מילה במילה, אין זיין בוך "אונדזערע ראשונים", תשכ"ו (באַנד 2, ז' קמ"ב). פאַרוואָס זאָגן מיר: כמעט? ווייל דערצו באַוועגט אונדז אַ קליינער שינוי, וואָס מיר האָבן אין העברעישן נוסח, וואָס גייט אַזוי: "משום ששלום עליכם עצמו לא היה מימיו ציוני מובהק בעל הכרה ברורה. הוא בעל החלומות, בעולם המעשה, התיחס אל התנועה הציונית דווקא מתוך ספקנות בערכה המעשי — אפשר משום שלמד מן הנסיון, כי החלומות שווא ידברו. ואולם כבן נאמן לעמו, שלבבו שלם עם קדשיו, עם אמונות והדעות הנצחיות המרוממות את רוחו, רחש תמיד לציונות חיבה נפשית, ראה בה חיזוק חדש לקיומה המתרופף של האומה, גילויה של אמונת המשיח העתיקה" ("הראשונים כבני אדם", מהדורה תשי"ט, עמ' קט"ז).

כדי אויסצובולטן די קליינע אָבער חשובע שינויי־גירסא, וועלן מיר זיך דערוועגן דאָס סטריקט צו פאַריידישן: ווייל שלום עליכם אַליין איז קיינמאָל נישט געווען קיין אויסגעשפּראָכענער ציוניסט, מיט אַ קלאָרן באַוווּסטזיין. ער, דער בעל־חלומות אין דער פּראַקטישער וועלט, האָט זיך צו דער ציוניסטישער באַוועגונג באַצויגן דווקא מיט אַ סקעפּטיק לגבי איר פּראַקטישן ווערט — אפשר ווייל ער האָט געלערנט פון דער דערפאַרונג, אַז די חלומות זענען פּוסטע

רייד. אַבער ווי אַ געטרייער זון פון זיין פאָלק, וואָס זיין האַרץ איז גאַנץ מיט די אייביקע אמונות און דעות, וואָס דערהויבן זיין גייסט, האָט ער תמיד געפילט אַ זעלישע ליבשאַפט צום ציוניזם, האָט אין אים געזען אַ נייעם חיזוק פאַרן זיך אָפשוואַכנדיקן קיום פון דער אומה, אַן אַנטפּלעקונג פון דעם אור־אַלטן משיח־גלויבן.

## ד

פון די אַלע קליינע אָבער חשובֿע חילוקים, איז אפשר אַמבולטסטן דאָס וואָס דאָ זאָגט ער: נישט קיין אויסגעשפּראָכענער ציוניסט, און דאָרט זאָגט ער: אַ שוואַכער ציוניסט, און עס איז, דאַכט זיך, נישט היינו־הך. קומט מיכאל אַסטור (טשערניכאָוו), אַ טעריטאָריאַליסט, און ציטירט בערקאָוויטשעס דערמאָנטן אַריינפיר אין „די גאָלדענע קייט", דערמאָנענדיק די גענויע דאַטע, אָבער ציטירנדיק דעם זאָג וועגן שלום עליכם, קומט ביי אים אויס: „ער איז געווען אַ גאַנץ שלעכטער ציוניסט — פירט אויס בערקאָוויטש". שווער צו וויסן, פאַר וואָס ער האָט די ציטאַטע משנה געווען, אפשר כדי ממשיך צו זיין, ווי ער איז ממשיך: „האָט דאָס געקענט זיין אַנדערש? אַ גוטער ציוניסט איז, למשל, געווען ד"ר חיים ווייצמאַן" („אויפן שוועל", מאַי—יוני 1966, ז' 4). אָבער מיר האָבן געבראַכט בערקאָוויטשעס מיינונג און אַסטורס פאַרדריי, נישט אַזוי לשם קוריאָז נאָר כדי צו באַמערקן, אַז סיי אויב שלום עליכם איז געווען אַ שוואַכער ציוניסט, סיי אויב ער איז געווען אַ נישט אויסגעשפּראָכענער ציוניסט, סיי אויב ער איז אפילו געווען אַ גאַנץ שלעכטער ציוניסט, האָט בערקאָוויטש געטראָפן אין סאַמע פּינטל פון שלום עליכמס ציוניזם, סיי דאָס היסטאָרישע: „די אייביקע אמונות און דעות"; סיי דאָס אַקטועלע: „אַ נייעם חיזוק פאַרן זיך אָפשוואַכנדיקן קיום פון דער אומה", און בעיקר דער פאַרבונד מיט די וואָרצלען: „אַן אַנטפּלעקונג פון אַלטן משיח־גלויבן". מעגלעך, אַז דאָס האָט, סוף־סוף, באַוויגן בערקאָוויטשן גובר־זיין זיין קווענקל און אָפדרוקן די דראַמע „דוד בן דוד", וואָס שלום עליכם האָט זי, מיט גרויס התלהבֿות, געשריבן, און האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז זי איז אַ ליטעראַרישער דורכפאַל, אַזוי אַז ווען אפילו ווען דער נשר הגדול, דזשעיקאָב (יעקב) אַדלער, פאַר וועמען זי איז געשריבן געוואָרן, וואָלט זי געשפּילט, וואָלט זי געווען אַ קינסטלערישע פּיאַסקאָ, און שלום עליכם האָט טאַקע געהייסן די דרייסיק־פערציק העקטאָגראַפישע קאָפּיעס פון דער דראַמע פאַרברענען, אָבער בערקאָוויטש האָט אָפּגעראַטעוועט אַן איינציקן עקזעמפּלאַר, און האָט לאַנג געספּקט ביז ער האָט זיך, נאָך דריי און פערציק יאָר, צו דער הונדערטיאָריקער שלום עליכם־פייער, אַנטשלאָסן די דראַמע אָפּצודרוקן.

און איך קאָן מעיד זיין ווי ווייט ער האָט זיך געקווענקלט — ווען ער האָט מיך געפרעגט, וואָס איך האַלט דערפון און איך האָב אַרויסגערוקט אַ פּירפּאַכיקע אַרגומענטאַציע — ערשטנס, האָבן שוין חז"ל געזאָגט: כד ניים ושכב רב אמר להא שמעתא, טייטש: ווען רב איז אַנטדרימלט געוואָרן און זיך געלייגט, האָט ער געזאָגט די דאָזיקע הלכה, און האָראַציוס האָט שוין געזאָגט: Quandoque bonus dormitat Homerus, טייטש: צומאָל ווערט אפילו דער גוטער האָמער אַנטדרימלט; עס איז אָבער נישט איינגעפאַלן, צו פאַרהוילן יענעמס הלכה און דעמס העקסאַמעטער. צווייטנס, כדאי צו וויסן דעם גאַנצן שרייב־באַשטאַנד פון אַ גרויסן שרייבער, — אַ שוואַכערע, אָדער אפילו אַ גאָר שוואַכע זאַך זיינע, האָט אפילו אַ חסרון, אַז זי וועט אפשר נישט ווערן בעסער, האָט אָבער אַ מעלה, אַז זי וועט זיכער נישט ווערן ערגער. דריטנס, דווקא ווייל פון דעם דרייליינג פון אונדזער קלאַסישער יידיש־פּראָזע, זענען דער עלטסטער און דער ייִנגערער געווען אַפּאָסטאָלן פון דער דאָאיקייט, איז כדאי צו וויסן וועגן ייִנגסטן פון זיי, שלום עליכם, וואָס איז פאַרט געווען אַ מבֿשר פון דער דאָרטיקייט, ווי עס גייט אין איינעם פון אירע הימנען: דאָרט ווו די צעדער; דאָרט ווו דער ירדן; און מסתמא איז עס נישט קיין צופאַל, וואָס נישט מענדעלע און נישט י. ל. פּרץ, נאָר ער, שלום עליכם, איז געפאָרן זען ארץ־ישראל. פערטנס, די דראַמע וואַרפט אַ ליכט אויף דער סיטואַציע, אין וועלכער ער האָט זיך דעמאָלט געפונען — האָט ער זיך דאָך געגרייט נישט בלויז צו גיין, נאָר אויך צו בלייבן אין אַמעריקע, ווו עס זענען פאַר אים געגאַנגען פריערדיקע ציון־העראָלדן — צונזער, מאַסליאַנסקי, גאָלדפאַדן, דאָליצקי, נפתלי הערץ אימבער — און דאָס אין אַ צייט, ווען עס האָט זיך דאָרט גענומען שאַפן אַ גרויסער ישוב, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך דיפערענצירן, אָבער אויך קאָנסאָלידירן, און האָט שוין געטראָגן די עיקר־סימנים פון אַ גרויסער יידישער דאָאיקייט, וואָס גרייט זיך צו גרויסע בריהשאַפטן, אין דער פּרעסע, אין דער ליטעראַטור און אין טעאַטער, וועלכן שלום עליכם וויל איינעמען, און ווי אַ סטאַרט איז גאָר אַ דראַמע, וועגן אַ ייד פון אַ שטעטל, וואָס איז אַוועק פון דער היים און געמאַכט מיליאָנען פון זיינע גאָלדגרובן, און האָט זיי פאַרירשעט זיין זון, אַז ווען ער וועט ווערן פּוליאַריק, זאָל ער מיט דעם פאַרמעג טאָן וואָס ער וועט וועלן, און ווען דער זון איז עס געוואָרן, האָט ער, געטריי זיין אמונה אין הערצלען, און זיין וויזיע, די מיליאָנען פאַרשריבן לטובֿת איר רעאַליזאַציע. אָבער דאָ מישט זיך אַריין די משפחה, מיטן פעטער בראש, וואָס דערקלערט דעם יונגן מאַן פאַר אַ מטורף, און מען שליסט אים אָפּ אין אַ דולהויז, און ווען ער קומט אַרויס פון דאָרט, ווערט ער דער שטאָט־משוגענער, וואָס לויפט אַרום אין אַ פּאַפּירענער קרוין, און דאָס גאַנצע שטעטל, מיט די קונדסים בראש, מאַכן פון אים דאָס געלעכטער, און רופן אים דוד מלך ישראל, ביז ער גייט, עלנט און צעדרייט, פון דער וועלט.

## ה

און איצט אַ קאָפּ כראָנאָלאָגיע — בשעת שלום עליכם שרייבט די דאָזיקע דראַמע, האַלטן מיר צוויי יאָר נאָך הערצלס טויט, עפּעס ווייניקער נאָכן דערשיינען פון שלום עליכמס בראָשור, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ האַרציקן הספּד אויף דעם יונג־ציוניסטן־פירער, וואָס זיין געשטאַלט, מיט אירע בולטע פיזיאָגנאָמישע און פסיכאָגנאָמישע שטריכן, האָט שוין שלום עליכם געבראַכט, ווי אַ העלפער און טרייסטער, צו די רויטע ייִדעלעך, משמע די רוסישע יידן, וואָס האָבן אָבער פאַרשטאָפּטע אויערן. און עס איז כדאי צו געדענקען, אַז שלום עליכם האָט נאָך זיין קאָמישער אוטאָפּיע: ווען איך וואָלט געווען ראָטשילד, מיט אירע קליינשטעטלדיקע השגות, געבראַכט אין „דוד בן דוד", אַ טראַגישע אוטאָפּיע פון איינעם אַ יורש פון אַ מין self-made-man ‑ראָטשילד.

אוודאי, לאָזט זיך פרעגן, ווי אַרום האָט שלום עליכם געוואָלט אויפהאַלטן דעם איבערגעלעבטן אוטאָפּיזם וועגן פילאַנטראָפּ ווי אַ וועלט־פאַרבעסערער, אַ נאַציאָנאַלן אויסלייזער וכדומה; האָט ער דאָך געוווּסט, אַז הערצל האָט זיך באַמיט, צו קריגן פאַר זיין פּלאַן, דעם קאָפּ און דאָס האַרץ, און דורך זיי און בכוח זיי, די קעשענעס פון באַראָן ראָטשילד, באַראָן הירש, און אַז עס איז נישט געגאַנגען איז ער אפילו אַראָפּ אַ שטאַפּל, און זיך געווענדט צום פאָלק, מיטן וואָרט פון ווערגיל: Flectere si neques superos, Acheronta movebo טייטש: קען איך די אייבערשטע נישט צונייגן, וועל איך די אונטערשטע תהומות באַוועגן (אגבֿ דער זעלבער דעוויז פון זיין פּירצייטלער לאַסאַל,

---

## רחל בוימוואָל

## פון אויבן

איך בין אין לאַנד ערשט ניט קיין סך.
אַ טאָג אַזאַ מין ווילער!
איך שטיי און גלי דאָ אויפן דאַך,
ווי איך וואָלט זיין אַ בוילער...
אַהערצו מיך פאַרטריבן האָט
מיין חשק זען די גאַנצע שטאָט.

אַ טראַכט טאָן נאָר! עס ליגט צעשפּרייט
פאַר מיר ירושלים!
די שטאָט פאַרשאַפט אַזוי פיל פרייד
מיר, דעם עולה דעם נייעם.
אַרויסגעריסן זיך פון דאָרט!
אַז מען לעבט, דערלעבט מען פאָרט.

כאָטש אויפן קאָפּ אַ הוט איך טראָג
מיט זייער ברייטע ראַנדן,
כ'פיל, ווי די גאַנצע היץ פון טאָג
וואָלט אויף מיין קאָפּ דאָ לאַנדן.
נאָר איידער גיין אַראָפּ צוריק
כ'וואַרף דער שטאָט כאָטש נאָך איין בליק...

זי ליגט אַ גאָלדענע אַזאַ,
דורכויס אין בערג און טאָלן.
כ'ווייס, גאָלד איז אויף עבֿרית „זהבֿ".
ווען כ'וואָלט נאָר קענען מאָלן,
איז, זאָגט זיך דאָרטן וואָס איר ווילט —
כ'וואָלט אָנמאָלן אַ פּרעכטיק בילד!

אין זיין ווענד צום פּראָלעטאַריאַט, און פון זיין מיטצייטלער, פרויד, אין זיין ווענד צו דער אונטערשטער שיכט פון דער פּסיכע — אַ מסתמא נישט צופאַליק, באַגעגעניש, אין דעמזועלבן באַנוץ פון דריי יידן), לאָזט זיך עס דרייפאַך דערקלערן.

ו

ערשטנס, דער גרויסער גיבור, וואָס איז אַ גרויסער נדבן, געהערט נישט בלויז צו שלום עליכמס ווערטשאַפטלעכן און געזעלשאַפטלעכן מיטאָס, נאָר אויך צו זיין אויטאָביאָגראַפיע, ווי עס האָט אויך באַוויזן זיין פּזרנות — האָט ער דאָך, פון זיין קעשענע, געצאָלט הויכע, צו יענער צייט העכסטע, האָנאָראַרן, ווי אַ רעדאַקטאָר פון ״יודישע פאָלקס־ביבליאָטעק״. צווייטנס, איז דער גרויסער יידישער נדבן, בפרט דער וואָס האָט זיך רעקרוטירט פון סאָרט בירזשע־גביר, געווען און געבליבן אַ שטאַרקער אַגענס אין דער יידישער כלל־זאַך, דערונטער אויך אין דער ציוניסטישער זאַך, און נאָך אַ סך יאָרן, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט, איז די Acheronta, די פאָלקס־מאַסע, האָט שוין לאַנג איבעריק געמאַכט די superes, דאָס בינטל אייבערשטע געלט־מיוחסים, האָט סיי חיים ווייצמאַן, לגבי דעם אויסברייט פון דער דזשויש איידזשענסי לשם אויפבוי פון ארץ־ישראל, סיי בראַגין לגבי דעם אויסברייט פון געזערד לשם אויפבוי פון ביראָבידזשאַן, זיך געווענדט צו דער זעלבער פירמע — לואי מאַרשאַל, אָבער דאָס געהער שוין צו אַן אַנדערער אָפּערע.

לאָמיר־זשע טאַקע פאַרענדיקן מיט הערצל — ווען ער האָט אָנגעשריבן און אַרויסגעלאָזט זיין ״יודענשטאַאַט״, האָט ער דאָס בוך אַריינגעשיקט צו עטלעכע גדולים, נישט בלויז גדולי הפּאָליטיקע, נאָר אויך גדולי הרוח, ווי, אַ שטייגער, צום באַרימטן סאָציאָלאָג הערבערט ספּענסער, און דעם באַרימטן קריטיקער, געאָרג בראַנדעס. צו ספּענסערן שרייבט ער: ״מיר זענען געסט אויף דער ערד. לויטן נאַטירלעכן וועט איר אפשר פריער אַוועק ווי איך, אַ פינף־און־דרייסיק־יאָריקער. דערפאַר האָב איך געוואָלט — ווייל שוין איצט בין איך איבערגעצייגט, אַז די יידישע מדינה וועט אויפשטיין, אין דער אָדער אַנדערער פאָרם, אויב אפילו חוץ דער גרענעץ פון מיין לעבן — האָב איך געוואָלט וויסן, ווי אַזוי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער אָנהויב פון אויפטו אין גרויסן גייסט פון הערבערט ספּענסער״. קיין תשובה פון ספּענסער — נישט פאַרגעסן, אַז ער איז געווען אַ גאָר נאָענטער פריינד פון דער מחברטע פון ״דניאל דאַראָנדאַ״ — איז נישט געקומען ווייל ער איז דערווייל געשטאָרבן. ענלעך שרייבט הערצל צו בראַנדעס — און דער האָט יאָ געענטפערט, און אפילו גורם געווען צו הערצלס ענטפער — בראַנדעסעס בריוו איז נישט געווען קיין בכבודיקער עדות פאַר דעם ליטעראַטור־קריטיקער, פּונקט ווי עס איז נישט געווען נחום סאָקאָלאָווס חוזק־רעצענזיע וועגן ״יודענשטאַאַט״ אין דער ״הצפירה״ (״הלא מתהלה אני״); אָבער עס איז געווען גענוג אַ באַגעגעניש מיט הערצל, אויפן באַזעלער קאָנגרעס, אַז סאָקאָלאָוו זאָל נעמען שפּאַנען און נאָך ווי מיטשפּאַנען און נאָכשפּאַנען.

יאָ הערצל איז געווען צו ווייניק in judaitatis, אין דער היים, ער זאָל האָבן געוווסט וועגן אונדזער קלאַסישן דריילינג, ער זאָל זיי פרעגן יענע קשיא, וואָס ער האָט געפרעגט ספּענסערן און בראַנדעסן. אָבער דאָרט, אין מזרח־אייראָפּע, אין די קשיא ווי געהאַנגען אין דער לופט, און מיר וויסן אַקוראַט, ווי דער אָנהויב האָט זיך אין זייערע גרויסע קעפּ אָפּגעשפּיגלט, און אַז שלום עליכם איז צווישן די דריי געווען דער איינציקער וואָס האָט מקיים געווען: מן המיצר קראתי יאָ, און בערקאָוויטש איז גערעכט אין זיין ביאור, פון וואַנעט דער יאָ גייט — פון דער באַזונדערער יידישער אמונה, וואָס האָט אויסגעצייטיקט אַ באַזונדערע ספּעציעס פון אוטאָפּיע — וואָס איז אי גאָר ווייט, אי גאָר נאָענט, ווי ער קלינגט אין פירלעצטן פון י״ג עיקרים וועגן ביאת המשיח: אף על פי שיתמהמה עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא: כאָטש ער פאַרזוימט זיך, מיט דעם אַלעמען, וואַרט אויך אויף אים טאָג־טעגלעך, ער זאָל קומען, און אַקוראַט ווי דער מחבר פון די צוויי אוטאָפּיעס ״דער יודענשטאַאַט״ און ״אַלטניילאַנד״ האָט פירגעזאָגט, נאָך פופציק יאָר, האָט ער גענומען קומען.

## ״די גאָלדענע קייט״ אָנגעהויבן דעם צווייטן הונדערט

דער נייער נומער ״די גאָלדענע קייט״ — נומער 101 — איז אַ יונג־ווילנע־נומער, געווידמעט אין גרעסטן טייל דעם יובל פון דער דאָזיקער ליטעראַרישער גרופּע וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַ שפע טאַלאַנטן, צווישן זיי אַזעלכע וואָס שטייען עד היום אויף דער מזרח־וואַנט פון דער יידישער ליטעראַטור־שאַפונג.

״. . . פאַראַן אַ נסימדיקייט ביים אָפּמערקן די געשעעניש: מיט ״פופציק יאָר יוגנט־ווילנע״ הייבט זיך אָן אין אַ גוטער שעה דער נייער הונדערט גאָלדענע קייט וואָס אָן דער ירושה פון ירושלים־דליטא, אָן דעם יונג־ווילנע־ווילן, וואָלט זי נישט באַשטימט געוואָרן און וואָלט זיך ניט געקייטלט אין דער נאָענט פון אונדזער אייביקן ירושלים״ — שרייבט דער יונג־ווילניאַנער רעדאַקטאָר אברהם סוצקעווער איינעם אַריינפיר־וואָרט צום העפט און ער גיט צו: ״פופציק יאָר יונג־ווילנע און די באַטאָנונג איז נאָך אַלץ אויף יונג פאַרזיווגט מיט דער עיר־ואם. פון דאַנען ציען זייער יניקה די אַלטע פון יונג־ווילנע״.

דער נומער הייבט זיך אָן מיטן איבערדרוק פון דער פּאָעמע ״ווילנע״ פון משה קולבאַק, וועמענס פערזענלעכקייט האָט משפּיע געווען אויף דער גאַנצער גרופּע — לויט סוצקעווערס עדות — ״ממש באַצווינגענדיק״. ווייטער קומען אויספירלעכע עסייען, אָפּשאַצונגען און זכרונות וועגן דער גאַנצער גרופּע און וועגן יעדן באַזונדער, געשריבן דורך אַמאָליקע חברים אָדער אַזעלכע וואָס זענען געווען נאָענט צו יונג־ווילניאַנער: שלמה בעליס, וואָלף יונין, א. פּיודיק (וועגן משה קולבאַק), לייזער ראַן (וועגן הענעך סאָלאָווייטשיק), א. סוצקעווער (וועגן הדסה רובין), יאַנקל גוטקאָוויטש (וועגן שמערקע), אליהו שולמאַן (וועגן אלחנן וואָגלער), מאיר יעלין (וועגן יונג־ווילנע און די יידישע ליטעראַטור־גרופּע אין ליטע). אין דער אָפּטיילונג ווערט אויך איבערגעדרוקט די גאַנצע זייט פון ״ווילנער טאָג״ פון 11טן אָקטאָבער 1929, ווען דער רעדאַקטאָר (זלמן רייזען) האָט פאָרגעשטעלט ״דעם אַריינמאַרש פון יונג־ווילנע אין דער יידיטער ליטעראַטור״, וואָס איז געווען דער דעביוט פון אַ צענטליק שרייבער אין אונדזער ליטעראַטור. פאַראַן אויך צייכענונגען פון בען, בענציע מכתם, דוד לאַבקאָווסקי, מ. באַהעלפער, לידער פון יאַני פיין און אַ ציקל לידער פון אברהם סוצקעווער (״די וואָרצלען בלייבן גאַנצע״), צום סיום פון דעם טייל.

דער צווייטער געוויינלעכער טייל פון העפט ברענגט המשך פון דער פּראָזע פון יאָסל בירשטיין (״אין שפּיטאָל״) און חוה ראָזנפאַרב (״בינהלע״), לידער פון מאיר שטיקער, עסייען פון גרשון שאַפּאָשניקאָוו, אפרים שרייער, ג. קרעסעל; ישעיהו שפּיגל שרייבט וועגן יאַנאַסאָוויטש דעם דערציילער, מאָטל סאַקציער וועגן מאיר חרץ און משה יונגמאַן וועגן לידערבאַנד ״צפת״ פון מעינקע כ״ץ. שמעון פינקל איז מספּיד חנה ראַווינאַ ז״ל.

(א—ם)

חיים זעלצער

## פון מגדיאל קיין ירושלים

אין אַזאַ מין־אַ דרויסן ווי היינט אַ פאַרכמאַרעטן
איז ווי אָנגעמאָסטן צו לויפן אַ מאַראַטאָן
פון מגדיאל קיין ירושלים.

לשנה הבאה!... צי איז נייטיק צו וואַרטן
אַ קיילעכיק יאָר אויפן וועג דעם געגאַרטן
פון מגדיאל קיין ירושלים?

אַ מאַראַטאָן!? — וואָרנט דאָס האַרץ: בשום־אופן!
שיק איך דאָס דאָזיקע ליד — זאָל עס לויפן
פון מגדיאל קיין ירושלים.

נאָר איילנדיק כאַפּ איך אויף זיך דאָס פּידזשאַקל,
אַ שעה מיט געציילטע מינוטן סך־הכל
פון מגדיאל ביז ירושלים.

צו פוס וואָלט מיין זיידע הקדוש געגאַנגען
פון דאַנעט — פון מיר מיט דער האַנט צו
דערלאַנגען
פון מגדיאל קיין ירושלים.

איז דען נישט קיין בושה — אוודאי אַ חרפּה.
לויף איך, דעם נאָענטסטן אויטאָבוס כאַפּ איך
פון מגדיאל קיין ירושלים.

און ס'אַרט מיר נישט — גאָט און לייט זייט
מקנא!
מאָלט אייך — אַ קאַצנשפּרונג טאַקע פון דאַנען,
פון מגדיאל ביז ירושלים.

אין וועג שוין — די תפילה פון דורות דערהער
איך:
— יידן, אַ גוטן אייך קפיצת־הדרך
פון אומעטום קיין ירושלים.

חול־המועד פּסח תש״מ,
דעם 3טן אַפּריל 1980